ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קונטרס
# עד מתי?

אידיש

**584**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# קונטרס
# „עד מתי"

## הקדמה מהמוציא לאור

די בייגעלייגטע ארטיקעל „**עד מתי**" איז געדרוקט געוואָרען פאר 50 יאר צוריק אין א בלאט וואס איז ערשינען אין ניו יארק כדי צו קעמפען פאר חיזוק הדת און איז געווען געציהלט ציא דערוועקען דער ברייטען ציבור אויף „כשרות המאכלים" וואס איז אין יענע צייט געווען זייער נאכגעלאזט. דער שרייבער גיט ארויס א קליינעם טייל פון די פארוויטאגטע פראבלעמען פון דעם דעמאלסדיגען שווערען צושטאנד אין אמעריקע, אבער ליידער איז נאך רוב פראבלעמען געבליבען בקולמוס לבו, וואס ער האט צוליב געוויסע סיבות נישט געקענט דערמיט עפענטליך ארויסקומען.

אזוי וויא אין דעם היינטיגען מצב, וואס עס איז ממש איום ונורא וויא מיר זעהן אויס, בעוה"ר און וואס מיר גייען כסדר דורך פארשידענע גרויסע און שווערע נסיונות ברוחניות און בגשמיות, איז דער דערמאנטער ארטיקעל שטארק אקטועל און אונז שטארק נוגע, און הגם געוויסע זאכען זענען שייך היינט אויף א אנדערען אופן, איז אבער די מערהייט דערפון נישט פארענדערט געווארען, ועל כן האבען מיר איינגעזעהן דאס איבערצודרוקען כדי דערמיט מזכה זיין דעם רבים.

☆ ☆ ☆ ☆ ☆

דער מחבר פון דעם ארטיקעל „עד מתי" איז געווען הגאון הצדיק, חסיד ועניו, גדול מרבן שמו, מוהר"ר **שרגא פייוויל מענדלאוויטש** זצ"ל.

יונגערהייט האט ער געלערענט ביי די גאונים הק' פון פרעשבורג, אונסדורף, און ביים ערוגות הבשם, פון וועם ער האט באקומען סמיכה, און אויך האט דער ערג"ה עם

געגעבן זיין ספר אויף מקואות מגי׳ צו זיין פארען דרוקען, ער איז דאמאלס אלט געווען ס״ה 18 יאר.

נאך די ערשטע וועלט־קריג איז ער געקומען קיין אמעריקע. און צוזעענדיג דאס גרויסע וויסטעניש אין אלע אידישקייט ענינים, האט ער באלד געגרינדעט א ישיבה (די ערשטע) צו לערנען תורה מיט אמעריקאנער קינדער נאך די בר מצוה, און ער האט אויפגעשטעלט אסאך תלמידים אויפן דרך ישראל סבא.

נאך די שרעקליכע צווייטע קריג האט ער געשיקט שריפטען פאר רבנים און סתם אידען זיי צו ערמעגליכען ארויסצוקומען אויף אמעריקע. איין רב האט דערציילט אז באקומענדיג די שריפטען מיט געלט, האט ער צוריק געשריבען אז ער קען נישט פארלאזען זיין ישיבה. באלד דערויף איז אנגעקומען שריפטען מיט א באוויליגונג און אויך געלט פאר די גאנצע ישיבה.

פאר יעדען רב און ראש ישיבה וואס איז געקומען אויף אמעריקע, האט ער באלד געשיקט הילף, געלט און אויך תלמידים אז יענער זאל אליין קענען גרינדען א ישיבה. עס איז עם בכלל נישט געווען קיין חילוק זיין ישיבה אדער דעם צווייטענס, ווייל זיין גאנצע ווילען איז נאר געווען צו פארמערען כבוד שמים.

דער גרינדער פון בני ברק שרייבט אין זיינע זכרונות, אז די ערשטע געלט־שטיצע וואס ער האט באקומען פון אמעריקע פארן אויפבוי פון בני ברק, זענען געווען פון דעם גאון וצדיק רש״פ מענדלאוויץ ז״ל, און דאס איז באשטאנען פון $3,000. וואס איז דאמאלס געווען א ריזיגע סומע, וואס ווערט היינט גערעכנט וויא $50,000. און נאך מער.

עס איז קורץ דאס פאפיר צו קענען דערויף שרייבען אלע זיינע מעלות און שבחים, אין תורה אין מדות און אין חסידות. מיר ווילען נאר ציטירען אז דער רשכבה״ג מרן כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א האט געזאגט ביי די לוי׳ פון ר׳ שרגא פייוועל „די וועלט ווייסט נישט וואס זיי האבען פארלוירען״ עכלה״ק. זי״ע ועכי״א.

**המוציא לאור קר׳ „נחפשה דרכינו״**

# קונטרס

# עד מתי

## א

ואמרתי לא אזכרנו ולא אדבר עוד בשמו והיה בלבי כאש
בוערת עצר בעצמותי ונלאתי כלכל ולא אוכל. (ירמי׳ כ. ט)

איך באנוץ די אויבענגעבראכטע מאטא פון דעם נביא׳ס רייד אלס הקדמה צו מיין ארטיקעל וועגען כשרות, ווייל איך ווייס אז מיין שרייבען וועט מיר דיעזען מאל קיין כבוד ניט ברענגען, אדרבה, איך וועל נאך אפשר באווארפען ווערען מיט זלזולים פון אלע זייטען, אבער וואס קען איך טאן, ווען עס ברענט אין מיר א פייער און נאך אין אזעלכע טויזענדע אידען ווי איך, א פייער, וועלכער לאזט זיך ניט מעהר דערשטיקען.

אייגענטליך איז די כשרות־פראגע שוין פארהאנדלט געווארן אין דער אידישער פרעסע אין דער לעצטער צייט, אבער נור פון איין זייט, נעמליך, וועגן די חטאתים־בוטשערס וואס פארקויפען טריפות אהן א הכשר אדער מיט פאלשע הכשרים, די פרעסע האט אבער פארוויגען די צווייטע זייט פון דער פראגע, וועגען די טריפות, וואס ווערען פארקויפט אונטער השגחת הרבנים און אונטער רבנישע סיינס אויף בוטשער־שעפער.

די פרעסע האט דאס פארשוויגען פילייכט צוליב דעם כבוד הרבנים אדער אויס אנדערע טעמים, און וואס אנבאלאנגט דעם כבוד הרבנים איז ער מיר אויך טייער, אבער דער כבוד התורה, וועלכע איז מוטל באשפה און דער כבוד האמת, וועלכער ווערט געטראטען אונטער די פיס, זענען מיר נאך טייערער ובמקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב, דארום קום איך ארויס מיט א באשולדיגונג.

איך באשולדיג פיעלע רבנים, הכשרים־געבער, אז באוואוסט אדער אונבאוואוסט און יעדענפאלס אויס נאכלעסיגקייט, ווערט אונטער זייער השגחה פארקויפט בשר נבלה וטרפה אין האלסייל און ריטייל און דער פארקויפער איז א נבל ברשות התורה.

איך באשולדיג מאנכע רבנים הכשרים־געבער, אז מעהרערע אידען האבען זיי אויפמערקזאם געמאכט וועגען די טריפות בהשגחה און זיי, די רבנים, האבען די זאך פארשטיקט פון דער עפענטליכקייט און די חטאתים פארקויפען ווייטער וויפיעל זייער הארץ געלוסט.

איך באשולדיג פיעלע רבנים, אז אבוואהל זיי אליין האבען קיין טייל ניט אין די הכשרים, ווייסען זיי אבער, וואס עס קומט פאר און דאך פארשוויגען זיי די נבלה ענטוועדער צוליעב דעם „שמור לי ואשמור לך", אדער צוליעב פארמיידען א חלול השם און זיי פארגעסען זיך, אז במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב.

איך באשולדיג די גאנץ־גרויסע רבנים, די מנהלי ורועי ישראל, אז צוליעב דעם פירוד הלבבות צווישען זיי, דער מחלוקת שאינה לשם שמים, ווייל ווען איינער זאגט אסור, איז דער צווייטער מתיר און ווען איינער זאגט טמא, זאגט דער צווייטער טהור, איז ענטשטאנען און ענטשטעהט די הויפט־שטערונג געגען איינפיהרען ארדנונג אין דער כשרות־פראגע, איבערהויפט אין די טשיקען־מארקעטס.

איך באשולדיג, אז אויף אנדערע געביטען אויסער בשר־כשר, האבען די רבנים אין גאנצען פארנאכלעסיגט די כשרות; זיי האבען צום ביישפיעל אין גאנצען, אדער כמעט אין גאנצען, פארקוקט די כשרות פון געבעקס וועהרענד פיעלע אידישע בעקערס און אפשר דער רוב, נוצען אין די ראלס און חלות דעם עג־פאודער, וואס מען ווייסט כמעט זיכער, אז דאס קומט פון עופות טמאים און א מיעוט אידישע בעקערס נוצען „לארד", חזיר־פעטס פשוטו כמשמעו.

איך באשולדיג די רבנים, אז צוליעב זייער נאכלעסיגקייט איז כמעט גענצליך פארגעסען געווארען דער דין פון חלב וגבינות עכו"ם. איך ווייס, אז דארויף זענען פאראן פיעלע היתרים, אבער נור דארטען היכא דלא אפשר, וועהרענד דא וואלט מען דורך ווייניג מיה געקענט ברענגען ארדנונג אויך אין דעם און „מהיות טוב אל תקרא רע".

איבערהויפט איז כדאי צו באמערקען, דאס א געוויסע אגריקולטור־שולע האט פארעפענטליכט אין איהר באריכט, אז מען מעלקט דא איבעראל אויך די בהמות טמאות, הויפטזעכליך פערד, אזוי אז דער חשש פון די חז"ל קען נאך דא ניט אוועקפאלען „הדבר אל דינו יקום לעולם".

# עד מתי

מען קען אגב די היגע רבנים פארטיידיגען מיט דעם כלל, אז „עניות מעבירה את
האדם על דעתו ועל דעת קונו", דען זיי אלע מיט קליינע אויסנאהמען, האבען ניט קיין
פרנסה פון רבנות און זיי מוזען עס זוכען פון הכשרים, אדער פון אנדערע מלאכות בזויות
ושפלות, אזוי אז די זיינען מעהר טרוד בפרנסה ווי די שניידער און שוסטער און האבען
דאריבער ניט קיין צייט און אויך ניט קיין מוטה צו קוקען אויף אלע עניני היהדות, און דא
פאלט די גאנצע באשולדיגונג אויף די ארטאדאקסישע בעלי בתים.

איך באשולדיג אונזער ארטאדאקסי, דאס זי שלאפט א שינת חוני המעגל און זעהט
גארנישט וואס עס טוט זיך ארום איהר און ווי אונזערע שטארקסטע פעסטונגען ווערען
דורך אונזערע אינערליכע שונאים צושמעטערט, ווי אונזערע הייליגקייטען ווערען
אונטער די פיס צוטראטען און ווי אונזער דריי־טויזענד־יאהריגע גייסטיגע ירושה איז
שוין באלד אין גאנצען פארשוואונדען און די ארטאדאקסי שלאפט, אבער עד מתי ?

ווייסט איהר דען ניט אז פון אונזערע אלע חומות היהדות, וועלכע האבען אונז ביז
איצט געהיט פון אונטערגאנג איז שוין כמעט פארבליבען ניט מעהר ווי די כשרות, דען
אנדערע מצות ווערען שוין ווייניג אפגעהיט אפילו אין די ארטאדאקסישע הייזער, און
איצט ווערט אויך די כשרות צושמעטערט און איהר שלאפט, אבער עד מתי ?

און אויב איהר האט אין די לעצטע פאר יאהר אנגעפאנגען צו בויען ישיבות און
תלמודי־תורה, אום אייערע קינדער א אידישע ערציהונג צו געבען און אידישע מדות אין
זיי איינצופלאנצען, איז ווייסט איהר דען ניט, אז גופים וועלכע זיינען מפוטם מיט נבלות
וטריפות, קענען קיין אידען מיט אידישע מדות ניט ווערען ? ווייסט איהר דען ניט, אז
נבלות וטריפות זענען מטמטם את הלב און פארגיפטען דאס אידישע בלוט, און איהר
שלאפט, אבער עד מתי ?

זעהט איהר דען ניט, וואס פון אייער יוגענד איז געווארען ? ווייסט איהר דען ניט,
אז די אידישע צאן קדשים זיינען געווארען טרעמפס, געמבלער, גענגסטערס,
קאנדידאטען פאר'ן עלעקטריק־טשער און אלערליי איסטען און טאקי דערפאר ווייל זיי
וואקסען אויף נבלות וטריפות, און איהר שלאפט. אבער עד מתי ?

ווייסט איהר דען ניט, אז געהענדיג יעדען אין דער פריה אין מקוה זיך צו מטהר
זיין, וועלען אייך אפילו כל מימות שבעולם ניט העלפען, ווייל איהר זייט א טובל און ניט
נור ושרץ בידו, נור ושרץ בתוכו ? און ווען איהר זענט מתפלל ערב ובוקר, אדער ווען
איהר לערנט אייער שיעור, ווייסט איהר דען ניט, אז דער הבל היוצא מפיכם איז א הבל
של חטא, ווייל עס עפושט מיט נבלות וטריפות, און איהר שלאפט — אבער עד מתי ?

און ווען איהר וואשט אייך צו א ראל, אדער ווען איהר מא-- קידוש און אויפ'ן
טיש ליגען חלות, בשר ודגים וכל מטעמים און איהר זאגט ביי יעדען ביסען „לכבוד שבת",
זענט איהר דאך א בוצע ברך נאץ ד', און איהר שלאפט, אבער עד מתי ?

איך ווייס, אז איהר וועט מיר ענטפערען „כי קטן יעקב ודל", אבער זעהט וואס
יעקב'ס ברודער אויף איסט־בראדוויי האט אויפגעטון, זעהט ווי ער האט פון ארימע
ארבייטער א פעסטונג געגען אידענטום אויפגעשטעלט, ווייל ער האט זיך מיט זייערע
פאראייניגטע קרעפטען באנוצט, און איהר שלאפט נאך אלץ און טוט גארניט, אבער עד
מתי ?

און ווייסט איהר, אז בלויז מיט דעם מעשר פון דעם געלד, וואס איהר,
ארטאדאקסישע אידען, ספענדעט אויף שאו'ס און פוסטען לוקסוס, וואלט מען געקענט

# עד מתי

ז

אויסהאלטען בככוד די רבנים און אויפבויען די חומת ישראל הפרוצה, און איהר שלאפט, אבער עד מתי ?

רבותי ! מאכט אביסעל א חשבון הנפש און זעהט וואוהין איהר זענט פארקראכען ; געדענקט, דאס אונזערע עלטערן האבען זיך מקריב געווען אויף קדוש השם ; זיי האבען זיך געלאזט ברענען און בראטען אבי אויפצוהאלטען אונזער הייליגע תורה, וועהרענד פון אייך פארלאנגען זיך ניט קיין קרבנות, נור מיט א קומץ קענט איהר ראטעווען די סיטואציע, און איהר שלאפט, אבער עד מתי ?

אידען ! האט איהר שוין קיין מורא ניט פאר דעם יום הדין הגדול והנורא, וואו איהר וועט שוין מעהר ניט קענען אפקומען מיט פוילע תירוצים, מיט בע מע און א שאקעל מיט די פלייצעס ?

און איך פרעג אייך, עד מתי ? און איך זאג, עורו ישנים משנתכם !

## ב

די כשרות איז דא ארונטערגעזונקען עד הדיוטא התחתונה און עס הערשט אין דעם א שרעקליכער הפקר־צושטאנד, א סקאנדאליעזע נאכלעסיגקייט און עס ווערען צוליב דעם נכשל אין עסען טריפה, זאגאר די יעניגע אידישע פאמיליען, וועלכע ווילען פיהרען א שטרענג־כשר׳ען טיש.

מיר זיינען בשום אופן ניט אויסען מיט דעם דערמאהנטען ארטיקעל צו דערנידעריגען דעם כבוד פון די היגע רבנים. מיר ווייסען, אז די שולד פאלט ניט אין גאנצען אויף די רבנים, נאר זי איז מעהרסטענטייל דער רעזולטאט פון דער אלגעמיינער הפקרות און וואס די ארטאדאקסישע אידען ווילען ניט פאלגען און ניט רעספעקטירען זייערע רעליגיעזע פארשטעהער, אבער גראדע צוליב דיזען טרויעריגען צושטאנד, האלטען מיר פאר ווינשענסווערט צו אויפדעקען די וואונד און צו צייגען, וואוהין די הפקרות האט דערפיהרט.

ווען די פאראנטווארטליכע שוהלען זאלען צאהלען צו זייערע רבנים א געהעריגע שכירות, כאטש אזוי פיעל ווי מען צאהלט א גוטען חזן, וואלטען זיי שוין במילא זעהן צו קריגען די גרעסטע רבנים און עס וואלט גלייך געשאפען ווערען אן אונטערשייד צווישען די גרויסע פאראנטווארטליכע ווירקליכע מורי דרך און די פאלשע רעווערענדס, וועלכע האבען אפט אפילו קיין סמיכה ניט, אדער זיי זיינען סתם גייסטיגע קאליקעס און ניט ראוי לאותה אצטלא צו זיין רבנים און רעליגיעזע פארשטעהער.

אין דער צייט אבער, ווען רבנות איז ניט מעהר ווי א לייסענס צו מעגען פיהרען רעליגיעזע מסחרים מיט כשרות, חופה וקדושין, וויין און דאס גלייכען, שפרינגען די עמי־הארצים ארויף בראש און ס׳איז ניטא קיין שום מאס צו מעסטען די גרויסקייט און פאראנטווארטליכקייט פון אונזערע רבנים, נאר, כל הרוצה ליטול את השם בא ונוטל, און דער רעזולטאט איז, דאס אונזער רעליגיעזער לעבען איז דיזארגאניזירט, די־רעליגיעזע פארשטעהער — דיסקרעדיטירט, די חומת הדת איז צובראכען און די לאגע פון אידישקייט ווערט ערגער פון טאג צו טאג.

דער דאזיגער צושטאנד טאר אבער ניט פארשוויגען ווערען, נאר מען מוז ארויסקומען מיט׳ן אמת און אויפוועקען די אמת׳ע רעליגיעזע פיהרער און די אמת־מיינענדע ארטאדאקסישע בעלי־בתים פון זייער שלאף און טאקי שטעלען זיי די אפענע, ביטערע פראגע „עד מתי ?“

# עד מתי

ביז ווי לאנג קאן עס נאך אזוי געהן אין אונזער ארטאראקסישען לאגער ? ביז ווי
לאנג וועלען מיר זיין ללעג ולקלס ביי זיך אליין און ביי אנדערע ? וואס פאר א רעספעקט
קענען האבען אונזערע קינדער צו דעם דת התורה, ווען זיי זעהען אזא העסליכע באציהונג
פון זייערע עלטערן צו די רבנים און אזא-רייסעריי צווישען די רבנים זעלבסט ?

און ביז ווי לאנג וועלען מיר טאקי עסען טריפות ונבלות, פארגיפטען אונזער בלוט,
פארדארבען אונזערע נשמות און דערביי נאך שפילען א קאמעדיע אלס פרומע,
ארטאדאקסישע שוהל-אידען ?

די דאזיגע פראגעס זיינען ברענענדע און געפעהרליכע, מיר מוזען אויף זיי א
באלדיגע תשובה געבען, אדער עס וועט חלילה קומען צו דעם גרעסטען קראך, ענטוועדער
פון אינווייניג אדער חלילה פון אויסווייניג . . .

חזוק הדת מוז ווערען דער רעטונגס-גארטעל פון אידישקייט, אויב מיר ווילען ניט
דערטרונקען ווערען אין דעם ים פון הפקרות און ווילדען כאאס, און די רעטונגס-ארבייט
מוז ווי אמשנעלסטען אנגעפאנגען ווערען.

די בעסערע אידען מוזען זיך אויף אן ערנסטען אופן אוועקשטעלען ביים רודער
פון אידישקייט און לאזען הערען זייער שטימע פון „מי לד' אלי!" וועלען די אידישע
מאסען ביסלאכווייז נאכקומען און די רעטונג וועט קומען.

דער געשריי „עד מתי?" שפאלט די לופט און עס דראהעט אונז מיט דער גרעסטער
קאטאסטראפע, אויב ער וועט ניט דערהערט ווערען און אויב עס וועט תיכף ניט קומען א
פיל-העכערער אויסגעשריי פון חזוק הדת, וועלכער זאל דעם עד מתי פארטרייבען און
אפשאפען !

---

פון דעם ראדאוויצער רבי'ן

ב"ה, יום ה' לחודש ה' תרומה תרפ"ג.

כבוד העורך „דאס אידישע ליכט" שלום !

איך האב צופעליג געזעהען דעם לעצטען נומער פון אייער צייטונג און געלעזען
דאס ארטיקעל „עד מתי", פיהל איך דאס עס איז מיין פליכט צו ווינשען דיעזער נייער
צייטונג אריכת ימים ושנים. לך בכחך זה והושעת לעם ישראל פה בארצות הברית, כיהודה
ועוד לקרא וויל איך דא ערצעהלען א פאקט, וואס איך האב אליין מיט מיינע אויגען
געזעהן דאס בלויז ווען איך דערמאן מיך פון דעם תסמר שערת בשרי, — נעמליך :

איך האב א שטיקעל צייט געוואהנט אין סטענטאן קארנער סאפאלק סטריט, אין
דיעזער געגענד געפינט זיך א האלסייל בשר כשר ביזנעס, זיינען שבת בייטאג זיך
צוזאמענגעקומען מעהרערע בוטשערס (געווים פון דער זעלבער אומגעגענד) מיט די
סיגארעטלעך אין מויל, אויסצוקלייבען פלייש פאר זייערע סטארס, וואו זיי האבען געווים
סיינס פון רבנים, אז דא איז כשר אף למהדרין מן המהדרין, איך פרעג מיט אייך צוזאמען
עד מתי ? אויב עס וועט געלינגען עפעס צו טאן להסיר המכשלה הזאת, ישמח לבי גם אני,
והי' זה שכרי.

ה"ק ישראל בהרב ר' משה זצ"ל האגער

## ג

ויהי' מאשרי העם הזה מתעים
ומאשריו מבלעים (ישעי' ט', ט"ו).

איך האב געלעזען לעצטע וואך א הודעה פון געוויסע רבנים, דאס עס איז געווען ביי זיי א וויכטיגער מיטינג און זיי האבען בעשלאסען, אזוי ווי עס זיינען דא פיעלע בוטשערס וואס הענגען כשר־טעגס אויף בהמות טרפות זיינען זיי מזהיר דעם עולם, מען זאל אכטונג געבען. דאן אפעלירען זיי צו די ווארשט־פעקטאריס, אז זיי זאלען נישט פערקויפען קיין טרפות און נבלות, דען מען האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז 90 פראצענט פון די ווארשט־פעקטאריס זיינען טרפה.

דאס איז דער תמצית פון דער הודעה און ווען איך וואלט געווען א פעליטאניסט וואלט איך געטאן דאס וואס אנדערע פעליטאניסטען טהוען די לעצטערע צייטען, איבערהויפט נאך דער מעשה־טילינגער, וואס עס איז כמעט געווארען א מאדע צו שרייבען פעליטאנען איבער די רבנים און זיך משמח צו זיין אויף זייער חשבון.

איך בין אבער דאס ניט און וויל דאס אויך ניט זיין, דען די זאך איז ביי מיר צו הייליג און דער כבוד הרבנים איז מיר צו טהייער, איך זאל איבער זיי שרייבען בקלות ראש. דעריבער וויל איך שרייבען דעם אמת כמות שהיא, ווענינגסטענס, ווי עס ראכט זיך מיר אליין און נאך טויזענדע איינפאכע אידען ווי איך, און ווייל חותמו של הקב"ה איז אמת, דענק איך דאס מיר ברויכען קיין מורא ניט צו האבען דעם אמת ארויסצוזאגען גאנץ איינפאך ווי ער איז, בלי כחל ובלי שרק, און מען מוז איהם ניט איינהילען אין קינסטליכע פילען.

און איך פרעג יענע רבנים, וועלכע אידען זיינען זיי דאס מזהיר, אז זיי זאלען אכטונג געבען ניט צו קויפען קיין טרפות ? פאר יענע אידען וואס האבען שוין דאס לעצטע ביסעל אידישקייט פארווארפען און ווילען עסען טרפות און וואס פאר זיי איז העכסטענס גענוג „כשר" אויף דער ווינדאו, דענק איך, העלפט קיין הזהרה און זיי ברויכען ניט קיין הזהרה, ניט זיי וועלען פאלגען די רבנים און ניט די רבנים ברויכען זיי צו פערזארגען, „הלעיטהו לרשע וימות", און די רבנים זיינען ניט אחראים בדבר, איז ווען מען וויל מזהיר זיין, ברויך מען נור די אנדערע סארט אידען, וועלכע זוכען טאקע כשר נור זיי זיינען ניט גענוג נזהר, אבער דיזע סארט אידען וועלען בשום אופן ניט אריינגעהן קויפען בשר כשר אין א פלאץ וואו זיי אליין קענען ניט דעם בוטשער פאר אן איש נאמן און סיידען עס איז דא ביי איהם א סיין פון א רב, אז ער האט השגחה אויף דעם פלאץ. יעצט שטעלט זיך די פראגע, וואס זיינט איהר מזהיר דעם עולם ? ווארום נישט די יעניגע רבנים וואס גיבען סיינס ? ווייסט איהר דען נישט דעם אמת, אז דאס רוב טרפות וואס ווערט געגעסען פון אידישע מענשען איז אונטער השגחה פון געוויסע רבנים אדער זאגענאנטע רבנים ? ווארום שטורעמט איהר ניט אקעגען זיי ? איהר בעט אויך די ווארשט־פעקטאריס, זיי זאלען ניט פערקויפען קיין טרפות, איהר פערלאנגט הייסט עס פון א קאזאק יושר ? ווארום פערלאנגט איהר ניט פון די רבנים זיי זאלען ניט ווארפען די הכשרים רעכטס און לינקס ? ווארום פערעפענטליכט איהר ניט איינמאל פאר אלע מאל די נעמען פון דיזע רבנים וואס דאס ווארט „כשר" איז ביי זיי אזוי ביליג און זיי האלטען אין איין שרייבען הכשרים אויף כל דבר אסור ? איהר וועט זאגען, עס איז פערבונדען מיט אונאנגענעהמליכקייטען, מיט מריבות און קטטות צו פערעפענטליכען אזא זאך,

# עד מתי

**אבער וואו איז דער „מסירת נפש", וואס האט אפגעהאלטן דאס אידישקייט ביז אונזער צייט ?**

אין קיין שום צייט און אין קיין שום לאנד איז נישט לייכט אנגעקומען אויפצוהאלטן אידישקייט, נור אונזערע גייסטיגע פיהרער, אונזערע גדולים און צדיקים זיינען געגאנגען מיט מסירת נפש און עס איז אימער געלונגען דער ובערת הרע מקרבך ווייל „כל מצוה שנתנו נפשם עליה נתקימה בידם", ען אבער דא ליידער זעהען מיר ניט דעם קלענסטען מסירת נפש ע פון די רבנים און דער אמת איז, דאס עס איז פרוץ מרובה על העומד, חוץ א קליין הייפעלע רבנים, א גאנץ קליינער דאו, מעוט און אפשר גאר א מעוט דמעוט, זיינען די איבעריגע רבנים — און עס זיינען דא צווישען זיי גדולים בתורה — קיין איינער ניט קארג אויף דער פען צו שרייבען הכשרים וויפיעל עס לאזט זיך.

און וואו האבען עס יענע רבנים געטראפען א היתר, צו מאכען די גאנצע תורה א קרדום לחפור בה, פון אלעס צו ציהען געלד־נוצען ? מ'קען פון זיי ניט פערלאנגען זיי זאלען געהן בשיטת הרמב"ם ז"ל און פון רבנות גאר קיין געלד ניט נעהמען און רבנים האבען אימער פון געוויסע זאכען געלד גענומען, ווי פון סדור קדושין און גטין, פון ברית'ן, הספדים, מצבות־שטעלען, א.ד.ג., און איך דענק, אז דאס קען שוין זיכערען יעדען רב זיין פרנסה בכבוד ער זאל קענען ארבייטען לטובת היהדות אהן יעדער פניה, אבער דא אין לאנד ווילען זיך פילע רבנים ניט ריהרען ווי לאנג מ'בעצאהלט זיי ניט, שוין אפגערעדט פון הכשרים געבען, דאס טהוט קיינער נישט שלא על מנת לקבל פרס, אבער עס זיינען דא פאראן רבנים וואס ווען מ'רופט זיי ריידען פאר א תלמוד תורה, פאר א ישיבה, הייסען זיי זיך אויך בעצאהלען דערפאר. אוי לאותה בושה ! און דאס ביסעל ישיבות וואס מיר האבען דא, ארבייטען פאר זיי בעלי־בתים ממש מיט מסירת נפש און נישט נור ערמוטיגען ניט די רבנים די בעלי־בתים, און ניט נאר זיינען די רבנים ניט די מנהיגים, וועלכע זאלען צוציהען די בעלי־בתים, נור עס קומט נאך אן זעהר שווער פאר די בעלי־בתים צו פעראינטערעסירען די רבנים, ווייל עס ליגט קיין געלד ניט אין דעם. און בעט מען שוין די רבנים זיי זאלען ריידען פאר א ישיבה, ריידען זיי מיט א האלבען מויל און מאנכע מוז מען טאקי בעצאהלען פאר'ן ריידען. שומו שמים ! איז שוין גאר קיין הייליגעס נישטא אין „דיעזע" רבנים'ס אויגען ? האבען זיי שוין קיינע אידעאלען ? גייסטיגע פיהרער וואס ברויכען פאר'ן פאלק אלס ביישפיעל פאראויס געהן, זאלען זיך שוין האבען אזוי פארקויפט צום עגל־הזהב, איז ומה יענו אזובי־קיר ? ווייסט איהר דען ניט דאס מיט אזעלכע האנדלונגען זיינט איהר מבזה דעם כבוד התורה, וואס ער איז שוין יעצט אויך גענוג נידעריג ? איז אייער אויער שוין אזוי פארשטאפט און אייער הארץ אזוי פארשטיינערט, דאס איהר קענט ניט הערען דעם בת־קול וואס איז מכרזת ואומרת, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה ? געהט, אדרבא, צווישען פאלק און־הערט זיך גוט איין צו איהם וועט איהר הערען וואס פאר א מיינונג מען האט דא איבער די רבנים, און ווער איז דארין שולדיג ווען ניט יענע רבנים אליין, וואס מאכען אלעס פאר א ביזנעס, וואס מעסטען די גרויסקייט און הייליגקייט פון יעדער זאך מיט געלד. און אין אמת'ען זיינען דען נישט פיעלע פון די רבנים רעכטע ביזנעס־מענער און נאך פון געמיינערען סאדט ? מ'ברויך נור נעהמען אין בעטראכט די וויין־ביזנעס, וואס ווערט פון פיעלע רבנים געפיהרט אויף א גרויסען מאסשטאב. וויפיעל בזיון, וויפיעל שפלות, וויפיעל חלול כבוד התורה עס ליגט דארין ! רבנים, וועלכע דארפען די ערשטע זיין צו זעהען, אז די לאנדעס־געזעצען זאלען אפגעהיט ווערען זיינען דא גורם דירעקט אדער אינדירעקט, אז דאס געזעץ ווערט געבראכען. און ווען עס טרעפט זיך אמאל א איד וועלכער האט מורא פאר

דעם חלול השם, וואס דאס ברענגט און זאגט א ווארט געגען דעם ווייַן־געשעפט, רייסט מען איהם ארונטער כאחד הריקים, אזוי ווי ער וואלט עוקר געווען איינעם פון די יסודי התורה, און אויך די אידישע פרעסע, וועלכע דארף אכטונג געבען, אז דער כבוד ישראל זאל ניט נתחלל ווערען און וואס זי וואלט בעדארפט זיין די ערשטע צו קעמפען אקעגען א געזעץ וואס ברענגט שאנד און שפאט פאר דעם אידישען נאמען, פארטיידיגט זי אימער דעם יין לקדוש־געזעץ מיט אזא ווארימקייט, וואס הלואי וואלט זי דיזע ווארימקייט אויסגענוצט פאר בעסערע זאכען: די פרעסע ווייזט אלץ אן אז א דין בעלאנגט צו די רבנים צו פסק׳ענען. דאס איז אויך אמת, אבער ווארום ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פראגע וויפיעל מיליאנען יאהר די וועלט שטעהט, אדער אויב דער מענש האט זיך ענטוויקעלט פון א חיה, אדער אויב א אידישער יונגערמאן מעג חתונה האבען מיט א שיקסע, פסק׳נט עס די פרעסע אליין און שיקט עס ניט צו די רבנים,כאטש אזעלכע שאלות זיינען פיעל וויכטיגער ווי יין לקידוש ?

דער אמת איז, דאס ווען יין לקדוש זאל אפילו זיין א מצוה מן התורה וואלט מען אויך נישט בעדארפט צולאזען צו אזא גרויסען חלול השם, איבערהויפט נאך ווען דאס איז נאר מדרבנן און מ׳קען יוצא זיין מיט יין צמוקים.

און נאך אזעלכע מעשיות פערלאנגען נאך די רבנים און האלטען זיך אין איין בעקלאגען, דאס מ׳האט פאר זיי קיין דרך ארץ ניט !

דאס אלעס וואס איך האב דא געשריבען, איז אפילו קיין נייעס ניט. די אמת׳ע עהרליכע רבנים ווייסען דאס אליין און ערשט לעצטען זונטאג איז מיר אויסגעקומען צו הערען ווי די אמת׳דיגע רבנים האבען געשטורעמט קעגען די זאגענאנטע רבנים און זיי האבען געשריען, דאס מען מוז ארונטעררייסען פון זיי די מאסקע. יא, רבותי !דאס וואלט געווען דאס בעסטע. אבער ערוב פרשיות יש כאן, עס הערשט א תהו ובהו ביים עולם, מען ווייסט ניט ווער אס מעגען זיין די ארונטעררייסער און פון וועלכע מען דארף די מאסקעס ארונטעררייסען. עס קען טרעפען, אז דער יעניגער וואס מ׳וואלט געדארפט פון איהם ארונטעררייסען די מאסקע, שרייט גאר געוואלד און מיט א יראת־שמים פנים, אז מ׳זאל ארונטעררייסען די מאסקע פון אנדערע, און דער איינפאכער איד קוקט און הערט דאס צו און ווייסט ניט, וועלכע רב איז דער ריכטיגער און וועלכער דער פאלשער, וועלכער דער אמת׳דיגער און וועלכער דער צבוע. און דארום, רבותי, אויב דער כבוד התורה איז ביי אייך טייער, אויב איהר ווילט פארשוינען דעם כבוד ישראל און אייער אייגענעם כבוד, וואס איז שוין ליידער בתכלית השפלות, דאן ברענגט ארדנונג אין דער זאך, זייט בורר את הפסולת מתוך האוכל נאך אמאל און נאך אמאל, שאנעוועט ניט קיינעם און זאל נאר בלייבען דער ,,ועוד בה עשיריה״, אבער עס זאל זיין ,,זרע קודש מצבתה״ און קיין איינער, ווי גרויס ער זאל ניט זיין בתורה, איז ווי נור ער איז מחלל שם שמים זאל ער מוזען בלייבען מחוץ למחנה, דאן וועט דער כבוד התורה און ממילא דער כבוד הרבנים בעקומען זיין ריכטיגען גלאנץ און די אידען וואס יראת ד׳ איז נוגע בלבבם וועלען אייך רעספעקטירען און צו יעדער דבר שבקדושה מיטהעלפען און מ׳וועט קענען פיעל אויפטהאן פאר חזוק התורה והיהדות, וואס איז איצט ליידער ירדה עשר מעלות אחורנית, און עס איז שוין די העכסטע צייט, כי עת לחננה כי בא מועד !

# אמת מארץ תצמח

מיט א הארץ פול מיט פרייד און טרערען פון שמחה גיב איך א שבח והודאה צום בורא עולם ב"ה פאר זיין גרויסען חסד מיט וועלכען ער האט אונז בעגנאדיגט די פארגאנגענע טעג.

נאך פון מיינע ערשטע צייטען ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע פלעג איך זוכען ארבעט ביי כשר'ע פליישבענק. זייענדיק ערפאהרען פון מיין לאנג יאריגער ארבעט אין דער אמאליגער היים ביים טרייבערען פליישען.

צו מיין גרויס שטוינונג האט איך געזעהן אז דער סדר הניקור פון דאה׳ איז גארנישט דאס זעלבע פון אמאל. וואס אמאל האט געהייסען חלב איז דא אין אמעריקא כשר. איך בין געגאנגען פון איין פליישבאנק צו דער אנדערער, אבער אן ערפאלג, איינער בעסער און איינער שוואכער. פארט נישט אזוי ווי ביי אונז אין אונגארן. טראץ מיינע פעסטע טענות אז די גאונים וגדולים און מנקרים פון אמאל אין דער היים זענען פארט געווען גרעסערע תלמידי חכמים מומחים און ערליכע אידען. מיט מער ערפארונג ווי די פון אמעריקא.

די אלע טענות און נאך מער זענען געפאלען אויף טויבע אויערען. צו מיין גרויס צער און ווייטאג.

נישט וועלענדיג משנה זיין פון דרך המסורה האב איך מיר אבגעזוכט פרנסה בדרך היתר, וברוך השם אשר לא עזב חסדו מעמדי. גלייכצייטיג האט מיך אבער שטענדיג געפלאגט מיין געוויסען ווי ווייט מיר האבען זיך דערקייקעלט דא אין אמעריקא בלויז געציילטע יארען נאך דעם חורבן אייראפא. און ווי ווייט הייליג זענען די אויגען פון די אמאליגע צדיקים וואס פלעגען זאגען שטענדיג **"אין אמעריקא זענען אפילו די שטיינער אויך טריפה".**

כאטש איך האב אין מיין שטוב נישט אריין געלאזט קיין בשר בהמה, פאר כל חללא דעלמא, האט מיך דאך גערוסען ביים הארץ צוקוקענדיג ווי אזוי מענטשען גייען אריין און ארויס פון בוטשערס קויפענדיג, פלייש — סאלאמי — פאסטראמי — פראנקפורטערס א.א.וו. נישט וויסענדיג וואס זיי טוען מיט זייער נשמה, און מיט די נשמות פון זייערע טייערע קינדער שיחי'.

דערפאר איז געווען פאר מיר, מים קרים על נפש עייפה. הערענדיג די בשורה טובה. אז **כבוד קדושת אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון מאנסי האט שטרענג באפוילען אלע זיינע תלמידים, חסידים וידידים, נישט צו עסען קיין שום בשר בהמה, (ד. ה. סתם פלייש, סאלאמי, פאסטראמי, קארן ביעף, פרענקפורטער, בעלאני א.א.ו.).**

און דא האט איר געקענט זעהן וואס מיינט דביקות פון חסידים צו זייערע רבי'ן. דאס ביסען פון מויל האט מען אוועק געווארפען נאכן שטרענגען באפעל פון רבי'ן שליט"א, הונדערטער פונטען צוזאמענגעקויפטע פליישען זענען ליקווידירט געווארען. אלעס בלויז אויף איין באפעל פון רבי'ן שליט"א:

**אז דאס בהמה פלייש האט ערנסטע חששות פון חלב דאורייתא.**

איר האט געמעגט זעהן מיט וואס פאר א שמחה של מצוה דאס איז געטון געווארען. פונקט ווי אתרוג בענטשען און הלל זאגען און עסען א כזית מצה. אהן אונטערשייד. ווייל וואס איז דען א חילוק ביי ערליכע אידען צווישען די מצוה און אלע אנדערע מצות.

מיט א פולען מויל האב איך געזאגט ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, מיט א דאנק אויף דעם עבר בעט איך ביים רבש"ע א תפלה לעתיד אז קנאת צדיקים תרבה יראת שמים. אז אלע רבי'ס מיט זייערע חסידים ראשי הישיבות מיט זייערע תלמידים, מיט'ן גאנצען כלל ישראל זאלען נאך טון דעם וואונדערבארען ביישפיל.

וכדאי היא המצוה הגדולה הזאת שבזכותן נזכה בקרוב להגאל בגאולה שלימה האמיתית אמן.

ר"ח מנחם אב תשמ"ב

**הק' שלמה גרינבערג**

מנירעדהאז

חופ"ק ברוקלין

הסכמות ומכתבי עידוד שנדפסו בשו״ת „זבחו זבחי צדק״ ובספר „אפיית המצות השלם״ (ג״ח) ובספר „אכילת מצות בישראל״ (ז״ח) ובספר „נפש ישעי׳״ ב׳ חלקים ובקונטרס „מנחת יהודה״ ח״ו מספרי „נפש ישעי׳״ על מאכלות אסורות, ועוד.

מגאוני וצדיקי וקדושי הדור, אנשי כנסת הגדולה, בישיבה של מעלה, עמודי העולם, ראשי סנהדראות, אשר כל בית ישראל נשען עליהם, וכגחלי אש דבריהם, ואלה שמותיהם:

(ע״פ א״ב)

**הרב אליהו זלאטניק זצוקללה״ה**
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב דוד הלוי יונגרייז זצוקללה״ה**
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב ישעי׳ ישי הכהן גרינפעלד זצוקללה״ה**
רב ומח״ס מלונדון

**הרב ישראל יצחק הלוי רייזמאן זצוקללה״ה**
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב שמחה בונם גרינבערגער זצוקללה״ה**
ראב״ד דק״ק פרעשבורג יע״א. ברוקלין נוא יארק

**הרב שמעון ישראל פאזען זצוקלה״ה**
כ״ק אדמו״ר משאפראן, ברוקלין נוא יארק

●

**הרב אברהם יצחק קאהן שליט״א**
כ״ק אדמו״ר שליט״א משומר אמונים בירושלים עיה״ק

**הרב אברהם מאיר איזרעאל שליט״א**
אבדק״ק הוניאד

**הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס שליט״א**
אב״ד דפילאדעלפיא רבתי

**הרב אברהם מ. ברייטשטיין שליט״א**
ספרא דדיינא בעדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב חיים אלי׳ שטערנבערג שליט״א**
רב ור״מ ביהכנ״ס וישיבת „מחזיקי תורה״ חיפה

**הרב יוסף גרינוואלד** שליט״א
כ״ק אדמו״ר שליט״א מפאפא ברוקלין נוא יארק

**הרב יחזקאל גרובנר** שליט״א
רב בדעטרויט

**הרב לוי יצחק גרינוואלד** שליט״א
אב״ד דקהל ערוגת הבושם, ברוקלין נ.י.

**הרב משה פיינשטיין** שליט״א
ר״מ תפארת ירושלים, נוא יארק

**הרב משה שטערן** שליט״א
אבדק״ק דעברעצין ברוקלין נוא יארק

**הרב נפתלי הירצקא העניג** שליט״א
אבדק״ק שארמאש, ברוקלין נוא יארק

**הרב רפאל זילבער** שליט״א
אבדק״ק פריימאן, ברוקלין נוא יארק

**הרב שלום הכהן ווייס** שליט״א
אבדק״ק אוהעל, ברוקלין נוא יארק

**הרב שלמה האלבערשטאם** שליט״א
כ״ק אדמו״ר שליט״א מבאבוב, ברוקלין נוא יארק

**הרב שמואל יודא פאנעט** שליט״א
אבדק״ק דעעש, ברוקלין נוא יארק

**הרב שמעון זאב מיללער** שליט״א
אבדק״ק אראד, ברוקלין נוא יארק

# משה שטערן
**אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו**

**בעהמ"ח שו"ת באר משה ה"ח**

בלאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספר גפי אש ומליצי אש וש"ס

**ברוקלין יע"א**


בעזהי"ת

אל מע"כ ידידינו הרב המופלא ומופלג בהפלגת חכמים ונבונים זי"ר יפר"ת לוחם מלחמת ה' בגבורה כש"ת מו"ה שלו' יהודה גראסס שליט"א, אבדק"ק „האלמין", ובעמח"ס רבים ונכבדים.

אחרי תת שלו'.

מה נכבד היום בהגלות נגלות לאור השמש ספר נכבד ויקר הנקראת „קדושת ישראל".

קונטרס מוקדש לרומם קרן הצניעות וקדושת בנות ישראל והסברה מיוחדת על כל עניני איסור יחוד איך להשמר ממנו ואיך להיזהר בו שרבים וגם שלמים בדורנו נכשלים בו הכל ה' עליו השכיל בליקוטי בתר ליקוטי מספרי הפוסקים וספה"ק.

חיבור מקורי יחיד במינו בשפה המדוברת, החיבור ההיא היא אוצר כל כלי חמדה יהיה כשלחן ערוך מיוחד בכל פרטי איסור יחוד, מה שלא הי' עדיין לעולמים לחבר חיבור נכבד במקצוע הזה, הכולל בתוכו כל הדינים השייכים לעניני קדושה אחד מהם לא נעדר, הן צניעות המלבושים לאנשים ונשים, כל דיני יחוד, וגם הסברה נפלאה בגודל המכשלה בענין הליכה לרופאים, והדרכה מיוחדת בהנהגת הנשים הצנועות והכשרות, כאשר כבר הרעשתי ארץ ומלואה כבר מכמה שנים מגודל הפריצות ברופאים קלים והמכשולות הגדולות היוצאות מהם, ומה גם המאורעות האיומות המתהוים ע"י שימושי הרופא בלי שמירה מיוחדת, שהחריבו לעשרות משפחות בזמן האחרון ערו ערו עד היסוד.

והי' מן הראוי לצאת בקרית חוצות בקול רעש גדול עד שתזדעזע עולם ומלאה שכל מי שיראת ה' נוגע ללבו ורוצה להנהיג בית כשר ותורתי בדרך המסורתי ירחיק כמטחוי קשת ויותר מאהלי הרופאים הרשעים המופקרים האלו כי כל באי שער ביתן לא ישובון ח"ו למדות בנות ישראל הכשרות. וגם המצא תמצא בחיבור הלזה בירור וליבון בענין הליכה לרופאים הנקראים פסיכיאטורין ופסיכאלאגען וקיראפרקטיקאים המגבילים הרבה פעמים במכשולות שונות במחשבה דיבור ומעשה.

וגם הפליא לעשות קו' נפלא לאיזה רופאים ללכת ואיך להיפטר מכל חשש יחוד.

וגם טרח ועמל טהוד גברא לאסוף דוגמאות רבות של חששות יחוד רציניים יום יום להאב, להאם, להאח, לאחות ולשאר חברי המשפחה.

ובפרט המכשול הגדול מיוחד במלאכת האפיסעס אשר אחוז עצומה נכשלים באיסור זה דבר יום יום ביודעים ובלא יודעים.

וגם עניני יחוד המתחרשים בטעקסי, במעלית, משולחים, רוכלים, מובילי סחורה בבית. אוצר דינים והנהגות הנוגעים לחתן וכלה והמחותנים מהצעת השידוך ועד החתונה. (והארכתי בזה בחיבורי הרבה בשו"ת באר משה ח"ר)

ומה ששאל ממנו אודות מזוזות אם שפיר דמי לקנות מזוזה מיד סוחר או חנות ולקבעה בבית מבלי בדיקת סופר מומחה וירא"ש מאוד, בימינו אלה שנמסרו בעווה"ר כשרותן של דברים העומדים ברומו של עולם לבעלי כיסין ובעלי פטמין ורוב רובם של כלל ישראל כצאן לטבח יובל ומלאו בתי 90 אחוזים מישראל מזוזות הפסולים הנכתבים מנשים וסופרים קלים ומי מהם גם בעצם יום השבת, וכמות גדול מהם מעשה דפוס בעלמא, הצד השוה שבהן שפסולים מן התורה לכל הדעות, ואלו הצאן מה חטאו כי יאריכו ימיהם מבלי קיום מצות מזוזה ותפילין. (ובספרי שו"ת באר משה ח"ו הארכתי בזה)

וכל מין דין ראוי לכל בר ישראל לרחוש לו חיבור הנפלא הלזה למען ידע לפלס מעגל דרכיו במסילה הישרה העולה בית א-ל ויהי' לבו נכון ובטוח להעמיד דורות ישרים בקדושה ובטהרה ולהמשיך שושילתא קדישא לדורות הבאים עד ביאת ינון במהרה ב"א.

מוש"ק פ' פקודי שנת תשל"ח לפ"ק. פה ברוקלין יצ"ו.

**משה שטערן**

אב"ד דעברעצין יצ"ו

## שמואל הלוי ואזנר
### רב אב"ד ור"מ
### זכרון-מאיר, בני-ברק

ב"ה, יום ב' וישלח תשל"ט לפ"ק, פה ברוקלין יצ"ו.

ראה ראיתי החי' החשוב על איסור יחוד וצניעות בנות ישראל בכלל אשר פעל ועשה כב' ההגה"צ מזכה את הרבים כש"ת מוהר"ר שלום יודא גראס שליט"א הרב דהאלמין פה ברוקלין יצ"ו.

הספר הנ"ל מחובר בלשון המדובר המורגל כדי להרגילו בפי הבריות אנשים ונשים, ובפרט עניני יחוד שהם הדרגא הראשונה לאיסור חמור דעריות – ובעו"ה נפרץ לרוב, ובפרט בערים גדולים שהנשים והבנות עובדות בבתי חרושת ומשרדים והוא הגורם שהמחיצה של קדושה ששמה התורה בין ב' המינים – נפרצה בי"ג פרצות – וע"כ כל מי שעומד בפרץ ברוך יהי'.

ע"ז בעה"ח ומצפה לחסדי ה'

**שמואל הלוי ואזנר**

# הרב שלמה יודא שווייצער

## רב דקהל דרכי נועם, ספרינג וואלי, ניו יארק

מחבר ספר דרכי נועם, וספר שו"ת „לשלמה משפטיך" על עניני חו"מ

בס"ד, יום א' לס' „מי לה' אלי" תשל"ט לפ"ק.

**החיים והשלו' וכט"ס למע"כ ידידי הרב הג' הגודר גדר ועומד בפרץ ולוחם מלחמת ה' במסירות נפלאה, אשכל הכפר הנותן אמרי שפר, בחבוריו, ללמד לבני יהודה קשת לעמוד על המשמר ה"ה כש"ת מוהר"ר שלו' יודא גראס שליט"א, רב דקהל עדת האלמין.**

אחדשה"ט באהבה רבה, הנה מע"כ ידידי שליט"א הודיע לי שעומד להוציא ספר חדש (וכמעשהו בראשון) להזהיר ההמונים ולהרים כשופר קול להסיר מכשול מדרך עמינו, ובענותנותו החשיב אותי השפל, והגדיל אותי עד כדי להיות שר המסכים על חבוריו הנעלים, ומי אנכי לבוא עד הלום, ואין הלום אלא מלכות מאן מלכי רבנן, אך לאות ידידות וכמענה להפצרותיו התבוננתי לכתוב לו איזה מילים בדי"ת מפרשת השבוע ממה שחנני השי"ת כדי לחזק את רוחו ללכת בדרכו, דרך ישרה, וזה החלי בס"ד:

בפרשתנו כתוב אחר מעשה העגל, ויעמד משה בשער המחנה ויאמר מי לה' אלי ויאספו אליו כל בני לוי ויאמר להם כה אמר ה' אלקי ישראל שימו איש חרבו על יריכו עברו ושובו משער לשער במחנה והרגו איש את אחיו ואיש את רעהו ואיש את קרובו וכו' ובני לוי עשו כדבר משה. ומרעה"ש שבח אותם בפ' ברכה: וללוי אמר תמיך ואוריך לאיש חסידיך וכו' האמר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע כי שמרו אמרתיך ובריתך ינצורו וכו'. מקראות אלו אומרים: דרשוני.

הלא כל ההרוגים שעבדו לעגל נתחייבו מיתת בי"ד ע"י חרב בעדים והתראה, ושבט לוי דנו אתם כדין, ולמה הי' צריך ההורג לפגוע באחיו וברעהו ובקרובו ולעשות לו שונאים במשפחתו? הלא כשיפגע בא' ממשפחתו שחייב מיתה אל יגע בו אלא יקרא לחבירו מבני לוי שאינו ממשפחת הנאשם ויהרג אותו והוא יעמוד ג"כ לחבירו לשרתו להרוג את קרובו של חבירו? למה הי' צריכים לקיים צו הדין דווקא באופן כזה? מזה אמרתי, יכולים לראות שכשמגיע עת פריקת עול, שרבים פורקים מעליהם עול מלכות שמים, אז אותם הכהנים הלוים הצדיקים אשר שמרו את משמרת הקודש, שנשארו נאמנים למלך מלכי המלכים הקב"ה, ורוצים לקנאות קנאת ד' צבאות, יכולים להצליח רק אם קנאתם הוא „בלתי לה' לבדו" בלי שום נגיעה של שנאה או של נקמה – בלי שום פניות – רק לנקם נקמת ה'.

# הסכמות ומכתבים

מרע"ה בחן אותם וצוה „הרגו איש אחיו ואת רעהו" דייקא. אם מי שהוא הורג את אחיו או קרובו ורעהו באותו נימוס שהורג לאחר שאינו קרובו, שאותם בודאי לא הרג מחמת שנאה, אז הסימן שכוונתו לשם שמים לנקום קנאת ה'.

וע"ז שיבח אותם מרע"ה: „האמר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר וגו'" — שכל קנאתם היתה מחמת אהבתם ונאמנותם לה' ומחמת זה שנאו הרע ורצו לבער שונאי ה' עושי הרע, בלי הבדל מי עשה הרע רעהו או קרובו.

זה אגיד לו. לפני כמה שנים, כשהי' רעש מהנעשה בשחיטות ובכשרות, נמנו וגמרו להושיב בי"ד, ואני הק' הי' ג"כ מוזמן להופיע. כשהגעתי שמה אמרו לי שכל הענין נתבטל ע"י גורמין שונים שהתערבו לבטל הדבר, והדבר נשאר תלוי, ושקט ברחובות העיר, ואין פוצה פה וכל הקנאים נעשו פתאום לענוים, ומקיימים הכ' יאכלו ענוים וישבעו, והגם שדבר זה הוא בנפשם ונפש בניהם, כי כבר הזהירו לנו רבותינו שהכשרות הוא יסוד בית ישראל ובלא יסוד זה אין בנין ואין להאריך בזה.

**יהודה אתה יודוך אחיך** (בראשית מ"ט) ופרש"י ז"ל לפי שהוכיח את הראשונים בקנטורים (קרי בקונטרסים) התחיל **יהודה** לסוג לאחוריו וקראו יעקב בדברי רצוי — **יהודה אתה לא כמותם.** וראה זה פירוש יפה מרבי מרדכי חיים מסלונים (טעם זקנים קס"ו) על הפסוק לך רד שחת עמך (שמות ל"ב ז') ואמרו בגמרא רד מגדולתך. וכך הי' דורש מקרא זה: „— כיון שנודע למשה כי חטאו ישראל בעגל, הי' מקום שירצה להישאר בשמים וללמוד תורה מפי הגבורה, מה לו ולפולחי עגלים? משום כך ציווהו הקב"ה: לך, רד מגדולתך! עכשיו לא תעסוק בתורה „כי שחת עמך" ועליך לירד ולראות מה ניתן לעשות בכדי לכפר חטאתם...

„זהו תפקידו של מנהיג בישראל. לא להתרחק מן העם ברגע שסרחו, לא להפקירם, כי אם לדאוג ולחפש דרכים איך להחזירם למוטב, להצילם מעונשין ומפורענות קשה".

כן ידידי הרה"ג ירד לראות מה נעשה ברחובות העיר בעגלים ובמעשה שחיטתם וחפש דרכים לחזק חומת הכשרות ולהחזיר עטרה ליושנה. יישר כחו וחילו לאורייתא!

ולכן אפריון נמטיה לכבוד מע"כ הרב המחבר דנן, שכשראה התנהגות שלא כשורה הרים קול מחאה, ולא הניח ולא שקט. אפי' כשהתנגדו לו בני משפחתו; את אחיו לא הכיר. ואפי' אבד עי"ז את פרנסתו; את בניו לא ידע. למה? כי שמרו „אמרתיך"! כי קנאתו היא לש"ש מאהבת ה' שעלה על אהבת אחים ורעים ובנים, והוא הוא הקנאות של שבט לוי להיות בלתי לה' לבדו; והמבחן, כאשר אמרנו, אם מקנא בעושי עולה אפי' כשהם קרוביו או רעיו אז סימן מובהק שהיא בלתי לה'.

ובדבר זה המחבר שלנו הוא מהיחידים שבדור שהשליך ומשליך נפשו

מנגד ועולה לו בממון ודמים תרתי משמע וכל הרוחות שבעולם אינם מזיזים אותו ממקומו ועומד וצועק אף בדברים שאפילו רבנים גדולים עומדים מן הצד. ועי' רש"י ריש פ' פינחס מ"מ סוף הכבוד לבוא, „דבר שהוא לש"ש סופו להתקיים" דהיינו שיוצא מזה דבר קיימא דבר שיש בו קיום העולם, והמבחן במחלוקת אם הוא לש"ש או לא, לראות: אם הדברים פועלים ונשמעים אז סי' כי מתוך י"ש הי' וכל מי שיש בו י"ש דבריו נשמעים. (ואף שקמים עליו אויבים מכל הצדדים והוא בצד אחד וכל העולם מצד שני כנגדו כמו שהי' אאע"ה, אל יתפעל מזה, כי אינו א', כי יחידו של עולם עמו, וסוף דבר הכל נשמע. הסוף יהיה שכל שנאתם וקנאתם יאבדו, ודבריו יעשו פירות וקושטא קאי).

להמחבר דנן, ביודעים קאמינא, שדבריו וספריו פעלו הרבה להתעוררות הכשרות, והודות לו נתיסד הועד הכשרות שע"י פעולותיה הכבירים נתיסדו כמה ועדי הכשרות בשכונות העיר לפקח על הכשרות בשכונתם והרבה קהילות הכינו שחיטה עצמאית לעופות ולגסות בעינא פקיחה; **אחרים** יסדו בי"ד מיוחד לפקח על הכשרות שהיתה מוזנחת מאוד בעוה"ר (שנתגלה שאחב"י נתפטמו כעשרות שנים בדברי מאפה ובממתקי איסור, וכיוצא, ואיכ"מ לפרט הכל, וכבר הארכתי יותר מדי).

ונקוה שאי"ה גם להלאה יעשו דבריו רושם.

ולא אמנע מלהעתיק איזה גרגרים ממה שדרשתי באסיפה של ועד הכשרות לפסח תשל"ט:

עס איז כדאי צו דערציילען בנוגע לשוחטים (מובא בס' זוהר דעת בשם הה"צ ר' עקיבא יוסף שלעזינגער ז"ל) וואָס הה"צ ר' עקיבא יוסף שלעזינגער דער אידעם פון הגה"צ ר' הלל קאָלאָמייער זצ"ל דערציילט אין זיין ספר ש"מ, פון איין ווידערליכען מאַן פון די עשרת השבטים וואָס איז געקומען צו הרה"צ ר' הלל ל"ש און איז געוועזן ביי איהם אויף פסח שנת כתר. ער האָט געברענגט מיט זיך אַ ספר מיט דעם נאָמען ס' האביב (ר"ת אחינו בנ"י בגולה) וואו עס איז געווען געשריבען פאַרשידענע ענינים. איך האָב מעתיק געווען אַביסעל וואָס איז נוגע צו וויסען בדורינו: ער שרייבט.

ר' נתן אדלער האָט געוואָלט פסל'ען די שוחטים פון פראַנקפורט, און מכניע זיין דעם חותם הס"א וואָס איז שורה אויף שוחטים פסולים בסוד פון על חרבך תחי' וגו'. אויב ער וואָלט דאָס דערגרייכט וואָלט משיח געקומען. נאָר, דער ס"מ האָט אויפגעשטעלט אויף איהם קצבים וואָס האָבען אים גע־רודפ'ט און ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון פד"מ ע"כ...

עס עס כדי מתבונן צו זיין אין די מעשה ווייל כמה נביאים מתנבאים בסגנון אחד. דעריבער ווילען מיר ברענגען נאָך אַ מעשה וואָס איך האָב געהערט בשם מרן האדמו"ר מבלזא זצ"ל. זייענדיג אין געטאָ איז צו איהם געקומען אַ איד און געשריגען: רבי, איר זעהט וואָס טוט זיך, אידיש בלוט

גיסט זיך ווי וואַסער. פאַר וואָס טוט איהר גאָר נישט? פאַר וואָס זענט איהר נישט מתפלל? האָט דער רבי געענטפערט: וואָס הייסט איך טו נישט.

האָט ער געענטפערט: עס שטייט ביי די מלחמת עמלק „והי׳ כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידיו וגבר עמלק" (שמות, פ׳ בשלח), ווען משה האָט געהאַלטען די הענד פאַרשפרייט אין די הויך האָבען זיך אידען געשטאַרקט. שטייט דאָרט „וידי משה כבדים וכו׳ ואהרן וחור תמכו בידיו וגו׳". משה׳ס הענד זענען געוואָרען שווער פון די שווערע מלחמה און אָנגעהויבען אַראָפּפאַלען. נאָר אהרן און חור האָבען זיי אונטערגעהאַלטען.

האָט דער רבי געזאָגט: עס איז היינט נישט דאָ קיין תומכים ע״כ.

ווען מיר ציען אַ פּאַראַלעל פון די ווערטער פון הייליגען דברי חיים וואָס זאָגט אַז ווענען שוחטים פסולים זענען כמה קהילות אַרויס פון דת איז די כוונה זיכער געווען אויף אַזעלכע קהילות ווי פראַנקפורט און אַנדערע קהילות פון דייטשלאַנד וואָס אין צייט פון ר׳ נתן אדלר איז פראַנקפורט געווען אַ עיר ואם בישראל וואָס איז אַרויס פון דאָרט ר׳ נתן אדלר, דער חתם סופר, הגאון ר׳ זלמן עמדין.

60־70 יאָר שפּעטער, בסוף ימיו פון ד״ח ווען ר׳ שמשון רפאל הירש האָט געוואָלט אויפשטעלען אַ קהלה אין פראַנקפורט, האָט ער שווער געקענט טרעפן אַ מנין שומרי שבת. און דער ד״ח זאָגט אַז דאָס איז געקומען ווענען שוחטים פסולים!

דער ספר האביב פון די בעלי רוח הקודש פון די עשרת השבטים זאָגען בפ׳ אַז אין פראַנקפורט איז געווען שוחטים פסולים, וואָס דער חותם הס״א איז געווען אויף זיי בסוד ועל חרבך תחי׳, און רנ״א האָט זיי געוואָלט פסלן מכניע צו זיין די ס״א נאָר די קצבים האָבען אים פאַר יאָגט, זענען געבליבען די שוחטים פסולים און געגעבען חיות וואָס איז די שווערד פון די ס״א וואָס דאָרך דעם איז דער עולם נתפטם געוואָרען מיט נבילות וטריפות און נטמטם געוואָרען. דאָרך דעם האָט דער בעל דבר זיך געקענט גובר זיין און מסית זיין צו די ערגסטע עבירות ביז גאַנצע קהילות זענען אַרויס פון דת ר״ל.

וואָס רבותי איז געקומען לאחר זה? שלמה הע״ה זאָגט אין קוהלת מקום המשפט שמה הרשע (קהלת ג׳ ט׳) דאָרט ווי דער משפט איז געווען ווי די גזירה איז געווען דאָרט איז געווען דאָס רשעות. יעצט רבותי, לאָמיר זיך מתבונן זיין, די ביטערע גזירה פון די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען פון דייטשלאַנד און דאָרט איז געווען דאָס רשעות, פון דאָרט איז געקומען די השכלה הארורה וואָס האָט אָפּגעשמד׳ט מיליונען אידען ר״ל. ווי איז געקומען אַז די רייד פון אַזעלכע אויסוואָרפען זאָלן האָבען אַזאַ השפעה? דורך דעם וואָס פריער האָט דער בעל דבר ערלעדיגט די שוחטים און דער עולם איז נתפטם געוואָרען מיט נבילות וטריפות. דאַן, איז שוין לייכט אָנגעקומען אַלעס, און דאַן דער חלף וואָס איז נישט געשאַרפט געוואָרען ווי געהעדיג ביי די בהמות האָט געשאַרפט די שווערד פון בעל דבר וואָס איז

דער שר פון עמלק און דורך דעם האָט דער דייטשער רשע וואָס איז געווען עמלק און ער האָט געקענט אויסקוילען מיליונען אידען ר"ל ע"כ*. ווי עס האָט געזאָגט דער בעל רוח הקודש דער בעלזער רבי ז"ל.

און דאָס איז באמת אַ גמרא מפורשת אין קדושין (פ"ב ע"א) כשר שבטבחים שותפו של עמלק, דער בעסטער פון די קצבים איז דער שותף פון עמלק. רש"י איז מפרש דעם טעם, ווייל – ספיקי טריפות באות לידו וחס על ממונו ומאכילן – עס קומט צו איהם טריפות און עס איז איהם אַ שאָד אויף זיין געלט און גיט זיי צו עסען פאַר אידען, און דעריבער רופען איהם חז"ל שותפו של עמלק וואָס דער ציל פון עמלק איז צו ברענגען אַ כליון ח"ו ווי המן הרשע און דער דייטשער רשע ימ"ש. און די שוחטים פסולים זיינען זייערע שותפים אין דעם.

זעהען מיר אַז אין כשרות איז אָפּהענגיק דער גייסטיגער און פיזישער קיום פון כלל ישראל. אַזוי איז אויך מבואר אין רש"י סוף פ' קדושים ווי עס שטייט איהר זאָלט אייך נישט פאַרמיסען אין בהמות און עופות טמאים „והייתם קדושים וכ' ואבדיל אתכם מן העמים לי" – איהר זאָלט זיין הייליג פאַר מיר און איך האָב אייך אָפּגעזונדערט פון די פעלקער צו זיין פאַר מיר. זאָגט רש"י (פון תורת כהנים) אויב איהר וועט זיין אָפּגעזונדערט פון די גוים זענט איהר מיין און ווען נישט זענט איהר פאַר נבוכדנעצר און זיינע חברים ע"כ. דאָס הייסט אויב מען וועט נישט נזהר זיין, זיך מבדיל צו זיין געהעריג פון כשר און טריפה איז מען אויסגעשטעלט צו געפאַר פון די גוים וואָס באַדראָען אידען ח"ו, ווי נבוכדנצר און זיינע חברים.

און מיר וועלען מסיים זיין מיט אַ מעשה פון חפץ חיים. אין אַ שטעטעל נישט ווייט פון ראַדין איז פסול געוואָרען די מקוה און האָט קיינעם נישט געהאַרט איר צו פאַררעכטען. איז דער חפץ חיים אַריבער געפאָרען אין יענער שטאָט. קומענדיג אַהין האָט ער געשיקט צונויפרופען די גאַנצע שטאָט אויסרופענדיג אַז דער חפץ חיים איז דאָ און גייט זאָגען אַ דרשה אין שוהל. הערענדיג דאָס, האָט יעדער געשלאָסען די געשעפטען און געקומען הערען דעם חפץ חיים. האָט דער חפץ חיים געזאָגט: רבותי! ווען איך וועל קימען אויף דעם עולם העליון וועט מען מיר פרעגען: וואָס איז דיין נאָמען? וועל איך ענטפערען: ישראל מאיר. וועט מען מיר פרעגען: האָסטו געוואוסט אַז דאָ אין שטעטעל איז די מקוה פסול? וועל איך זאָגען: יע. וועט מען פרעגען: און וואָס האָסטו געטוהן צו דעם? וועל איך ענטפערען: איך בין געפאָרען צו זיי און זיי געזאָגט און זיי האָבען מיר נישט געוואָלט פאָלגען! גיט מיר בכתב אַז איך האָב אייך געוואָרענט!"

---

*) אמר המו"ל: עס איז ידוע די מעשה מיט מיין טאַטען ע"ה וואָס מו"ר מרן מסאַטמאַר שליט"א האָט געזאָגט אַז נאָר צוליב די שוחטים איז ער אַוועק... 17 ס"ת זענען פאַרברענט געוואָרען בתוך די שלשים ועוד, און אַלעס צוליב די שוחטים.

רבותי, מיר אַפּעלירען דאָ צו אייך מחזק זיין און צו העלפען דעם ענין נשגב פון כשרות וואָס איז ליידער אַזוי פאַרלאָזט. וועט איהר נישט ענטפערען אונזער אַפּיל איז אנחנו את נפשינו הצלנו ווייל מיר האָבען אייך געוואָרענט און איהר האָט נישט געפאָלגט. וועט איהר הערען און העלפען, וועט איר געבענטשט ווערען מיט די ברכה פון ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת. (ע״כ הדרשה)

ע״כ אני אומר לו חזק ואמץ אל תירא משום דבר, חגור חרבך על ירך גבור בגבורה של תורה בעשות ספרים והוא הודך והדריך; והדרך צלח רכב על דבר אמת וענוה צדק וכו׳ והשכם והערב עליהם לבימ״ד והן כלין מאליהן וחציך שנונים יפלו בלב אויבי המלך מלכו של עולם, ואתה שאהבת צדק ותשנא רשע, על כן משחך אלקים אלקיך שמן ששון מחבריך ובלשונך עט סופר מהיר תמשיך לעשות ספרים הרבה ברוב נחת והרחבה גדולה ויקוים בך על כן ברכך אלקים לעולם ותהי׳ באוכלי שלחנו של מלכו של עולם, לעולם לשתי שלחנות בעוה״ז ובעוה״ב ולהנות מזיו השכינה **בסעודתן של צדיקים.**

החותם לכבוד התורה
**שלמה יודא שווייצער**

אגב לא אמנע מלהעיר כי נמצא תח״י קונטרס נפלא ושמו **„זכרון דברים".** (**תוכנו בענין הצלת האדמו״ר מסאטמאר שליט״א** מידי הנאצים ימ״ש), נערך ע״י הרה״ג סופר מהיר מחבר ספרים נפלאים מוהר״ר **מנחם שלעזינגער זצ״ל מח״ס תורה לשמה, ותורת הגאולה.**

והיות שמצאתי שם שאלה מהגאון הנ״ל להגאון הצדיק ראש גלות אריאל מוהר״ר יונתן שטייף זצ״ל, והתשובה שהשיב לו, ודבריו חוצבים להבות אש לאור באור החשכות והצרות שעברו על ראשי בני ישראל בימי הנאצים ימ״ש, בנתיבות טעם מתוך אור צח ומצוחצח מה עלינו לעשות שלא יכפול עוד ח״ו כאסון הנורא ההוא של השש מיליאָן קדושים לא מיני ולא מקצתיה ח״ו ח״ו, וכידוע שהגה״צ הנ״ל הי׳ פוסק הדור אחר החורבן כפי שהעידו עליו הגאונים הצדיקים אשר ע״כ החוב מוטל על כל אחד אשר בשם ישראל יכונה שימסור כל נימי לבבו ונפשו להוציא מכחו אל הפועל התיקון הגדול הנצרך לעשות כדי להציל עצמו ושאר ישראל אחיו עמו מצרות ופגעי הזמן האפשריים לבוא ח״ו. בעוונותינו הרבים, וכל המרבה לתקן תיקונים הנאמרים שם הצלת כלל ישראל הכה הגדול של הצלת ישראל תלוים בו ושכרו עומדת לעד ולעולמי עולמים לו ולזרעו ולזרע זרעו עד סוף כל הדורות.

בעה"ש, ה' תשרי תש"ו, ציריך.

לכבוד הרב הגאון וכו' כקש"ת ר' יהונתן שטייף שליט"א.

**שאלת בדבר בטחון הקהילות בארץ ובגאולה.**

מאז חרב בית מקדשנו וגלינו מארצנו התאמצנו להקים מחדש קהילות וישיבות קדושות בגולה, ואמנם עלה בידינו לבנות קהילות לזמן מוגבל בבבל, בספרד, בצפון ובתימן ובעוד ארצות רבות. אבל לאחר זמן מסוים התחוללו גזירות והשמדות חדשות, אמנם לא בכל ולא על עם ישראל כולו, אלא פעם כאן ופעם שם, פעם במזרח, פעם במערב, פעם בצפון ופעם בדרום. אם נחרבו הקהילות במזרח נבנתה שארית הפליטה במערב, וכשנחרבו במערב, נבנתה שארית הפליטה בצפון או בדרום. אבל לאחר כמה דורות גם קהילות חדשות אלה נחרבו ללא רחם ושארית הפליטה ניסתה להבנות במקומות אחרים. כך הי' הדבר חוזר חלילה פעם בפעם, וניתן לומר שכל הקהילות הישנות נחרבו. ולא רק בגולה אלא גם אלה שנבנו בארץ ישראל אף הן נחרבו. הנה על פי ההגיון והיושר מחובת הרבנים ופרנסי הקהילות הי' ללמוד לקח מן העבר המר, ומכיוון שראו כמה פעמים שהקהילות הישנות נחרבו באופן אכזרי, מן הצורך הי' להתבונן בדבר תיכף כשהתחילו להקים קהילות מחדש ולחשוב מחשבות שלא יחרבו. אבל אבותינו הזניחו לעשות את הדבר החיוני הזה. הנה עתה בדורנו אנו עבר עלינו חורבן חדש, שואה איומה ונוראה מאין כמותה. בדור זה נחרבו אלפי קהילות וישיבות קדושות. נשארו רק שרידים מעטים ושארית הפליטה עומדת להקים מחדש קהילות חדשות במקום אחר. אין ספק בדבר שכבר הגיעה העת שנלמד מנסיון העבר, שהרי אין טעם לבנות קהילות וישיבות קדושות ששוב יחרבו ח"ו. כבהדר"ג יודע, שקבלתי עלי לבדר את הדבר הזה בתור נדר, בעת שכב' ובני משפחתו היו בצדה גדולה ועתה שאלתי היא להורות מה לעשות כדי שקהילות אלה שנבנה עתה בע"ה, יהיו דבר המתקיים, עד ביאת גואל צדק בב"א.

בכבוד רב

**מנחם שלעזינגר**

**והנה התשובה:**

י"א תשרי תש"ו יעאטענבערג יע"א.

שוכט"ס לכ' ידי"ן המוכתר בנימוסין ונודע לשם ולתפארת ביראתו ובמעלותיו התרומיות ז"ד יפ"ת כש"ת מו' **מנחם שלעזינגער** נ"י בציריך יע"א.

אחדשה"ט אגרתו מעולפת ספירים קבלתי ע"נ בשעה קדושה ודבריו עשו רושם גדול בלבי ואכפיל מה שאמרתי לכב' הדדתו פה אל פה שאין כוחינו אלא לעורר בדברי מוסר בפה ממש בכל מקום האפשרי ולעורר הרבנים וליושבי על מדין כל רב במקומו ילמד דברי תורה לפני הציבור מספרים הקדושים כמו מספר מסילת ישרים מנורת המאור חוה"ל פלא יועץ

## הסכמות ומכתבים

וכיו"ב וכן ידרוש כפעם בפעם דברי א' חיים דברים היוצאים מהלב ושיכנסו אל הלב ומי שאפשר לו ינהוג כשמואל הרמתי שנסע מעיר לעיר וילמד לישראל הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון הכל עפ"י הדרך המורשה לנו מרבותינו בעלי תלמוד תלמידי משה רבינו, וגם בכתב להוציא חבודים שתוכן יהי' כלימוד מוסר דעת תורה ויראה ולתקן חדרים שילמדו עם תשב"ר תורה עפ"י המורשה וכן תלמוד תורה וישיבות להרביץ תורה ויראה טהורה עפ"י שיטת המורשה לנו ודברי חכמים בנחת נשמעים וכן מצאנו בש"ס, שרק לפרקים מיוחדים דברו קשות, ובעלמא צריכין לומר דברים נעימים המושכים הלב כמו אותם הספרים שהזכרתי ולפעמים גם בספר קו הישר המפחיד הקוראים וגם בספר שבט מוסר, הגה"צ הלל ל"ש אמר, „שספר זה עשה אותו לירא שמים". ויש לעורר גם הרבנים הנאורים בדברי שכל שייסדו מקוואות בקהילתם וירחקו ממאכלות אסורות שהגה"צ בעל נטע שורק ז"ל אמר התחלת התיקון היא בהמאכלות שלא לטמטם ח"ו הלב ויתנהגו בקדושה ובטהרה ואז יקיים ה' „וזרקתי עליהם מים טהורים וטהרתם ועשיתי את אשר בחוקותי תלכו" ויקיים, „ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" אמן.

והנני ביקרת הכבוד ובאה"ר ידידו.

**יונתן שטייף**